STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03219

TSUM GEVISN FUN DER VELT

Yitshak Libman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ליבמאַן

צום געוויסן
פון דער וועלט

"TO THE CONSCIENCE OF THE WORLD"

Copyright 1946 by Isaac Liebman

41 Union Square, New York 3, N. Y.

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט"

ניו-יאָרק, נ. י.

פרייז — 25 סענט

166

ביים אויפשיין פון אידישן שטערן

א

אפשר דאָס איינציקע וואָרט מיט כאָטש עטוואָס־נייאיקייט וואָס קען געזאָגט ווערן ביים פאַררונדיקן אַ וואונדיק־געלאָדענעם יאָר פון אידישע צרות איז — וואָס אין לויף פון אָט־דעם גלות־לאַנגן יאָר אין וועלכן דאָס אידישע וועלט־פאָלק האָט זיך, ווי אין קאָנוואולסיעס, געוואָרפן — אין געדולדיקן געצאַפּל — צווישן מאַטער־אויף־מאָטער ביז צעקלעם, האָט זיך פאַר דער אויסגעפּרובירטער אידישער אומה אויסגעקלאָרט דער פּנים פון דעם מאַסקירט־פאַרבאָרגענעם שונא וואָס האָט אויף אַ גראָב־דירעקטן אופן געגנערט דעם דייטשן נאַצי־מאָנסטער און האָט אים אויפגעכאָוועט שיר־שיר ניט ביז צו גולמ׳עוואַט־אַטאָמע־וואַטער אומבאַזיגבאַרקייט. און וועגן דעם האָבן מיר, אין דינע שטריכן, אָנגעפּענזלט אין אונזער פאַראַיאָריקן ערב ראש השנה איבערזיכט, ווען מיר האָבן, אין וואָרנונג, געזאָגט:

„מיטן אַוועקשטעלן דייטשלאַנד הינטער גראַטעס איינמאָל פאַר אַלע מאָל — קען נאָך די וועלט ניט גיין שלאָפן רואיק. עס זיינען געווען דרויסנדיקע כוחות וואָס האָבן געגנערט די נאַצי־מאָנסטערס און עס זיינען געווען — און עס זיינען נאָך דאָ איצט אויך — אַזעלכע פאַר־כאָפּ־און־צעטייל־און־הערש אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן באַזעלט און אינ־ספּירירט אָט־די נאָבעלע כוחות צו ריכטן אַהין און אַהין די גיפטיקע נאַרונג. אין די זיגרייכע און אין די באַזיגטע פעלקער צוגלייך ווייסט מען די אינטערעסן־גרופּן און די „הערש“ און „מאַכט“ גרופּן וואָס האָבן, אַזוי פלייסיג, אונטערגעטריבן זייערע מדינות צו ווערן מיט־צינדער און מיטזינדער אין דעם איצטיקן וועלט־חורבן“.

ווער איז דאָס אָט־דער דאָזיקער געפערלעכער שונא, וואָס האָט, דורך דעם דירעקטן אויפכאָוועץ פון דעם נאַצי־גולם, אָנגעצונדן די וועלט־שריפה נומער צוויי? דער אַמעריקאַנער קאָמערץ־סעקרעטאַר, הענרי א. וואַלאַס, האָט אים די טעג צוגענאָגלט צום שאַנד־קלאָץ פון וועלט־געוויסן — אויף וויפיל ער איז נאָך דאָ — און האָט זיין נאָמען אויסגערופן ברבים: דזשאַן בול!

ב

דאָס עטוואָס־נייאיקע: פון האָבן דעמאַסקירט דזשאַן בול און דערזען דעם ענגלענדער אין זיין ריכטיקער געשטאַלט — דאָס איז, אויפן פיינלעכן און פעכיקן וועג פון שטאַטלעכן אידישן אויפבוי, ווייט ניט פון די מינדערוויכטיקע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען אונזערע. ווייל,

געדענקען זאלן מיר, אז די באלפור־דעקלאראציע וואס האט, מיט רעכט, צעעפנט פאר אונז א העל־ארנאמענטירטן האריזאנט האט, אבער, אויך צעצונדן אין אונזערע נאך־ערד־און־לאנד־צעבענקטע הערצער פאלשע אילוזיעס און האפענונגען. מיר האבן גענומען ארומוועבן דעם ענגלענדער מיט לעגענדארישן גינגאלד. אין קרוינען פון חסידי אומות העולם האבן מיר יעדן איינעם פון דעם בריטישן יחוס־אינזל אויסגעצירט. מיר האבן זיי באלד־באלד פאר קרובים דערקלערט און זיי שיר־ניט פאר יורשים פון די פארלארענע צען שבטים דערקלערט. היינט זייער שייכות צום תנ״ך!

א דאנק אט־דעם קראנקהאפט־צערייצטן נאציאנאלן פסיכאז זיינען מיר, רחמנא לצלן, ווי מיט בלענדעניש געשלאגן געווארן און מיר האבן אויף אלץ וואס ס׳איז שייך צו ענגלאנד געקוקט דורך קינדישע אויגן און דורך ראזעווע פארגרעסער־גלעזער. אן אויסגעשפראכענער אנטי־ציוניסטישער גענעראל איז דורך אזעלכע אויגנגלעזער פאר־וואנדלט געווארן אין א גרויסן אידן־פריינט און מען האט אזש א גאס אויף זיין נאמען אנגערופן: רחוב אלענבי. און ס׳וואלט געוועזן טשי־קאווע צו בלעטערן די נעמען־בלעטער פון ספר הזהב און צו זען ווער און וויפיל זיינען דארט די און די בריטישער וואס האבן זיך דער־דינט צו דער מזרח־וואנט פון אונזער רענעסאנס־בנין (ס׳איז געוועזן איין זיכערער יוצא מן הכלל — לארד וועדזשוואוד — איז ער גע־שטארבן). די כולו־בטלנים פון דער ציוניסטישער מחנה האבן געזען אין דער באלפור דעקלאראציע לויטער און לויטערן אלטרואיזם. די עטוואס־ניכטערע ציוניסטישע פאליטיקער האבן אויך פון אויג ניט ארויסגעלאזן די בריטישע אימפעריע־אינטערעסן. זיי האבן אבער, זיך און אנדערע איינגערעדט אז בריטישער אימפעריאליזם פאלט זיווגווייז, צונויף מיט א אידישער ארץ ישראל. אי, די אומאונטער־בראכענע נגישות פון דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע? זיינען זיי פראווינציעלע אדמיניסטראטארס און האבן ניט די שטאטמענערישע וויזיע פון פארשטיין די אמתע „הויכע“ און „נאבעלע“ אינטערעסן פון דער בריטישער אימפעריע אלא לאיד דזשארדזש, לארד באלפור, צי וועדזשוואוד.

מיטן גאנג פון די יארן און מיט דער אומאונטערבראכנקייט פון נגישות מצד דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע האט פאר דעם אלץ וואקסנדיקן ישוב זיך גענומען אויסקלארן אן אינגאנצן אומאפהענגיק איז ניט די פאלעסטינער אדמיניסטראציע. אז א שטיקל שייכות האט דערמיט די אלגעמיינע בריטישע קאלאניאל־פאליטיק. און, עס איז א סברא, אז 10 דאונינג סטריט גיט, אין דער שא־שטיל־אטמאספערע פון פאליטישן שארלאטאניזם, איר ברכה גאר אויף די כל ערליי מעשי תעתועים פון אירע קאלאניאלע רייטער און אנטרייבער.

ווי־זשע שטימט עס מיט די ראזעווע אויגן־גלעזער? האט מען גענומען פשטלען, אז די קאנסערוואטיווע מלוכה־מענער אין ענגלאנד, וועלכע פארטרעטן ניט אין דעם אמתן די „הויכע“ און „נאבעלע“ אינטערעסן פון דער בריטישער אימפעריע, האבן פארראטן די באלפור דעקלאראציע און האבן געמאכט א „השיבנו־נאזאד“ צום אראבישן לאגער. פאר די „דינער“ פון דער „צעפוילטער“ בורזשואזיע לוינט זיך ניט צו חברן מיט אן עלעמענט וועמען עס פעלט לחלוטין די גאט־

געבענטשטע „גאַבע״ פון עכטע „נייטיווס״, שמעקט דעריבער, אָנגע־
נעמער צו זייערע נאָזלעכער דער ריח פון פּעאָדאַלע אַראַבישע הויפן;
די אַראַבישע דעספּאָטן וועלן זיך גיכער לאָזן אַריינגליטשן אין דער
עקאָנאָמיש־אידעאַליזירטער סטרוקטור פון בריטישן קאָלאָניאַליזם
און וועלן אַוודאי און אַוודאי מיט זיך פאַרשטעלן אַ מעכטיגע דאַמבע
קעגן די רעוואָלוציאָנערע שטראָמען וואָס עס טראָגן מיט זיך די אַלץ־
אַנקומענדיקע און אָנקומענדיקע בונטאַרישע יונג־יודייער.

וואָס־זשע טוט מען? העלפט גאָט, און ענגלאַנד האָט איר „מאַ־
יעסטעטס אָפּאָזיציע״. האָבן די נאַאיווע ציונים גענומען אָנהענגען
זייער האָפענונג אויף דער לייבאָריטישער אָפּאָזיציע. מען האָט גע־
נומען פּלפּולן אַז פאַר אַן אַרבעטער־ענגלאַנד וועט זיך לוינען צו
שליסן־רייען מיט דער ליכט־ברענגענדיקער אידישער מחנה און ווען
די גליקלעכע שעה זאָל קומען און די לייבאָריטן זאָלן איבערנעמען
דעם מלוכהשן רודער פון 10 דאָונינג סטריט וועלן זיי, אין ערשטער
ריי, אָפּשאַפן די שענדלאַכע שוואַרץ־ווייסע פּאַפּירן, אויסשטרעקן די
אידן די האָרעפּאַשנע און בויענדיקע אַרבעטער־האַנט, און געבן זיי
די ברכה און די ברודערלעכע הילף פון בויען דאָס לאַנד לויט די
הייליקע רייד פון דעם נביא ישעיהו.

דעם מאַיעסטעטס אָפּאָזיציע האָט — ווייסנדיק די האָפענונגען וואָס
אידן בינדן צו צו זייער פּאָליטיש־אויפגייענדיקן כוח — גענומען שפּילן
איר ראָליע און שפּילן זי גלענצנד אויף די אידישע נערוון... אויף
יעדן ענגלישן אַרבעטער קאָנגרעס האָט זיך יעדער איינער פון די
פירער געפליסט צו דעקלאַמירן וואָס שענער און וואָס איינדרוקפולער
דעם מזמור שיר לציון. וואָס געמיינער די האַנדלונג פון די מלוכה־
לייט לגבי די אידן אַלץ הערלעכער די דעקלאַמאַציע. אידן זיינען דאָך
אַ כוח, — לוינט זיך צו פאַרהיפּנאָטיזירן אָט־דעם כוח און אים איינ־
שפּאַנען אין דינסט פון דער היפּש־אָפּגעשוואַכטער און אָט־אָט־צע־
פאַלנדיגער בריטישער אימפּעריע. האָבן די לייבאָריטן, ווי געניטע
אַקטיאָרן, טריי געדינט זייערע ראָליעס, טריי צום ציניש בריטישן
לעבנס־באַנעם פון „ענגלאַנד, ענגלאַנד איבער אַלעם״.

די שמחה אין כמעט אַלע אידישע לאַגערן ווען די אַלגעמיינע
וואַלן אין יולי, 1945 האָבן אַריינגעזעצט, צום ערשטן מאָל אין דער
געשיכטע פון דער בריטישער אימפּעריע, אַן אַרבעטער רעגירונג —
די שמחה איז געווען אין לשער. אין סאַמע קרעשטשענדאָ, האָבן אָפּ־
געהילכט די טענץ און די יובל־געזאַנגען אויף דער עוועניו פון אַרבע־
טער־ציוניזם. אַ קלייניקייט — זייער בעווין, זייער עטלי!

וואָס גרעסער ס׳איז אין יולי 1945, געווען די שמחה אויף דער
אידישער גאַס, אַלץ תשעה־באבדיקער איז געוואָרן די שטימונג ביי
אידן ביים עכאָ פון בעווינס ערשטע טריט. איז דען נויטיק דאָ צו
ווידערהאָלן די טרויעריק־באַקאַנטע אידן־האָס־דבורים פון דער בע־
ווין־עטלי־כנופיה? און איז דען נויטיק צו אָפּפרישן דעם זכרון פון
דעם לייענער אונזערן מיט די פאַשיסטישע מעשים וואָס האָבן אויף
די אידישע לייבער, איבערהויפּט אויף די עכטע פּראָלעטאַרישע אי־
דישע לייבער, אויף די ערלעכע גופים פון די בחורים און מיידלעך פון
יעגור, שדות־ים, דורות און רוחמה, פאַרטייטשט די גראָבע, אַנטי־
סעמיטישע רייד פון די סאָציאַליסטישע רענעגאַטן? אַלע, דאַכט זיך,

אידישע גרופּן, שיכטן, קלויזן, ווינקלען, קרייזן זעען איצט דעם פּנים פון פּיראַטישן ענגלענדער. אַלע, אַלע — חוץ, ווי איז צו אונז, איין אידישע גרופּקע.

ס׳איז זיך כדאי דאָ אָפּנויגן עטוואָס אָן אַ זייט און געבן דאָ, אין זייערע אייגענע פאָרמולירונגען, אַ בילד פון אַ גרופּע אידן מיט אויסגעקרימטע מוחות, מיט פּיל־פאַכיקע לאָיאַליטעטן, נאָר אָן דער מינדסטער לאָיאַליטעט צום אייגענעם פאָלק.

אַ פאָרשטייער פון אָט דער היגער „בונד" גרופּקע און איר טעאָרעטיקער, עמנואל נאָוואָגרודסקי, ריידנדיק וועגן „אַ יאָר סאָציאַליסטישע רעגירונג אין ענגלאַנד", (זע „אונזער צייט", אויגוסט־סעפּטעמבער נומער, זייט 14), וואָגט, אין ליכט פון אונזער בראָך צו אָפּדרוקן שוואַרץ אויף ווייס די פאָלגנדיקע שורות:

„בישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז דער נייער קורס פון דער ענגלישער אויסערן־פּאָליטיק. די וואָס האָבן דערוואַרט, אַז דער ווילן אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער גרעסטער קאָלאָניאַלער מאַכט אין דער וועלט, וועט צווינגען די אַרבעטער־רעגירונג זיך אויסצוגליטשן און וועט אויך איר צווינגען אָנצואווענדן די אַלטע, קאָנסערוואַטיווע מעטאָדן פון אַלע ביז־איצטיקע רעגירונגען פון זיין מאַיעסטעט דעם ענגלישן קעניג, האָבן אַ טעות געהאַט. אוודאי איז דער אַלאַרם־געשריי פון טשוירטשילן, אַז „אַן אימפּעריע, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן מיט גרויס מי און אַרבעט, ווערט איצט פאַרניכטעט מיט גרויס חרפּה און לייכטזין" — פאַלש, און אַ גרויסע איבערטרייבונג. אמת איז אָבער, אַז די אַרבעטער־רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געדאַנק איינצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער אימפּעריע מיט די ביז־איצטיקע גוואַלט־מיטלען און פּרובירט, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע נישט נאָר פון בריטישן קאָלאָניאַל אָפּיס, נאָר אפשר פון דער גאַנצער וועלט, אָנווענדן מעטאָדן פון איבערצייגן, פון גוט־פאַרשטאַנענעם קעגנזייטיקן אינטערעס. ווען מיר לאָזן אין אַ זייט די טרויעריקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע, וואָס איז אַ טעמע פאַר זיך, און וועגן וואָס עס ווערט ביי אונז געשריבן באַזונדער, קאָן מען פאַרצייכענען אַ ריי ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער ענגלישער אימפּעריאַלער פּאָליטיק".

(ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז וועגן „די טרויעריקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע", — וואָס דאָס דאַרף זיין דער איינציקער, לויט נאָוואָגרודסקין, אויסנאַם לגבי דעם אַלגעמיינעם גן־עדן וואָס די ליבאָרישע ענגלאַנד האָט אין משך פון יאָר אָראָפּגעבראַכט אין אירע קאָלאָניעס — און וואָס די טרויעריקע געשעענישן זיינען, לויט נאָוואָגרודסקין אַ טעמע פאַר זיך, און וועגן וואָס עס ווערט ביי אונז (אין זעלבן נומער „אונזער צייט", אויף זייטן 7—9 — י. ל.) געשריבן באַזונדער" — אַז אין אָט די טרויעריגע געשעענישן איז דער אידישער צד דער, וואָס מאַכט די געשעענישן טרויעריק. ס׳איז דער אידישער צד וואָס איז טעראָריסטיש, פאַשיסטיש, און וואָס ניט? און אויב מיר, אידן אין פּאַלעסטינע (אַ בונדיסט וועט גיכער באַגיין זעלבסטמאָרד איידער אַרויסצורייזן דאָס וואָרט ארץ ישראל), וואָס זיינען ווערט ארבעים מאָל ארבעים מלקות און מען ברענגט אונז, זינדיקע, ניט אום איז דאָס צו פאַרדאַנקען ענגלאַנד. „מען מוז זאָגן, שרייבט דער פּאַלעסטינער „ספּעץ" — אַז ווייניקע אין ישוב נעמען ערנסט דעם

אומפאראנטוואָרטלעכן רוף צו די ענגלענדער, אַז זיי זאָלן אַוועק פון לאַנד. וואָלט דאָס געשען, וואָלטן דאָך ערשט דאַמאָלסט זיך אָנגעהויבן די אמתע בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס וואָלטן פאַרוואַנדלט די פּאַלעס־טינער ערד אפשר אין דעם אומרואיקסטן ווינקל פון דער וועלט. אָבער אין פּאַלעסטינע גיט מען זיך וועגן דעם אָפּ אַ רעכנונג. ענגלאַנד, אַפילו מיט אירע אַמאָל ברוטאַלע קאָלאָניאַל־באַאַמטע, מיט איר קאַמף קעגן אומלעגאַלער אימיגראַציע, מיט אירע אַרעסטן און גזירות איז אין טיפן באַוואוסטזיין פון די הונדערטער טויזנטער יידן אין פּאַלעסטינע פּאַרט די וויכטיקסטע קראַפט, וואָס שיצט די עקזיסטענץ פון דעם אידישן ישוב. מען מוז דעריבער רעכענען, אַז ביי דער גאַנצער אָנגע־זאָמלטער ביטערניש, אויפרעגונג און צאָרן, וואָלט דער אידישער ישוב געקאָנט געפינען אַ וועג פון פרידלעכער לייזונג פון אַלע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען. פאַר דעם דאַרף זיין גוטער ווילן מצד לאָנדאָן, גוטער ווילן מצד די אַראַבער, אָבער זייער פיל האָט זיך ביז היינט געווענדט און וועט זיך אויך ווייטער ווענדן פון אַ גרעסערער מאָס פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט און פּאָליטישער וויטזיכט אויך פון אידישן צד. אָבער וואָס וואָלט דער אידישער ישוב געדאַרפט טאָן קאָנקרעט, דאָס גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון היינטיקן שמועס.״

און בעת אַ געוויסע גרופּע אידישע לופט־סאָציאַליסטן (ווייל קיין לאַנד אויף דורכצופירן זייער סאָציאַליזם האָבן זיי דאָך ניט) האָט אויף זיך גענומען די נאָבעלע אויפגאַבע צו גלאָריפיצירן — אונ־טער אַלע אומשטענדן — די איצטיקע בריטישע מלוכה־לייט, קומען אמתע סאָציאַליסטן (וואָס האָבן מיטן שוויס פון זייער פּנים צעאַקערט זייערע טעאָריעס אויף די כל׳ערליי שטיינערנע, זאַלציקע, זומפּיקע און באַרגיקע באָדנס) און קנאַקן, אַלאַרמירנדיק, אין דעם שארית־געוויסן פון דער וועלט. שרייבט איינער פון זיי, אַ לינקער פּועלי־ציון, ברוך אַסטראָווסקי פון ירושלים:

„אַט דאָס, זאָגט מען דאָ, איז די שטענדיקע פּאָליטיק און דער וועג פון בריטישן קאָלאָניאַל־אַמט. אַזוי פירט ער זיך פון זינט ער איז געבוירן געוואָרן, פון זינט ער האָט זיך באַוויזן אויף גאָטס וועלט; אַט אַזוי פירט מען זיך אויף אין אַלע אַנדערע קאָלאָניעס, לויט די אָנגע־צייכנטע אָנווייזונגען; אַט אַזוי האָט מען זיך אויפגעפירט, ווען די רע־גירונג איז געווען אין די הענט פון די „טאָריס״, און אַזוי פירט מען זיך אויף, ווען די רעגירונג איז אין די הענט פון „לעיבאָר״; אַט אַזוי האָט זיך עס געפירט נעכטן, און אַזוי וועט זיך עס פירן מאָרגן אָדער אי־בערמאָרגן — אין וועמענס הענט די רעגירונג זאָל ניט זיין. ווי האָט עס דאָרטן געזאָגט דער קלוגער קעניג שלמה: „אין חדש תחת השמש״ — עס איז נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון. אָבער — אַנטשולדיקט, עס איז יאָ דאָ נייס אונטער דער זון. דאָס איז אָבער צום ערגערן, און בשום אופן ניט צום בעסערן. די באַציאונגען צו אונז און אויך צו אַנדערע, צו „נייטיוס״ און צו „סטרענדזשערס״ בכלל, סיי פון אַדמיני־סטראַציע מענטשן און סיי פון מיליטער־מענטשן, זיינען אַמאָל, אין די צייטן פון די „טאָריס״, פאַרט געווען פריינטלעכער און אַפילו מענטש־לעכער, ווי זיי זיינען איצט אין די צייטן פון „לעיבאָר״. („טאָג״, פון 16טן סעפּט.).

שרייבט פון תל אביב אַ פּאַרטיזאַן, איינער וועלכער האָט באַצאָלט

מיט זיין בלוט אַז ענגלאַנד זאָל ניט ווערן אָפּגעווישט און איינער וואָס האָט זיין יונג לעבן אויפן האַנט אַנטקעגנגעטראָגן כדי עס זאָל לעבן בלייבן אַ פֿאָלק וואָס הייסט בריטאַניע און אַז אָט־די בריטאַניע זאָל קענען פֿאָרטזעצן די בלוטיקע קייט פֿון רשעות. ער שילדערט דעם אַריינמאַרש און דעם אויפֿפֿיר פֿון בריטישע זעלנער אין דער צוויי־טאָגיקער אָקופּירונג פֿון תל אביב:

תל אביב איז שוין באַלד צוויי טעג אין עוצר. אויף מאַמע־לשון הייסט עס פּשוט פֿאַרשפּאַרונג. מען זיצט אין די הייזער, מ׳טאָר ניט אַרויסגיין אין הויף, מ׳טאָר ניט קוקן אין פֿענצטער. אין קעגנפֿאַל קאָנסטו זיך באַקענען מיט אַ גוט געצילטער קויל. אַלץ איז געשלאָסן. די באַוועגונג אָפּגעשטאָרבן. אין די גאַסן, אויף יעדער ראָג, אין יעדן ווינקל — מיליטער באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אויף די דעכער מיליטער מיט קוילנוואָרפֿערס, מיט שיין־וואַרפֿער, מיט ראַדיאָס, און טאַנקען אין די הונדערטער טומלען און רייסן די לופֿט. מ׳רעווידירט תל אביב, מ׳רעווידירט יעדער גאַס, מ׳רעווידירט יעדער שטוב, מ׳זוכט אין יעדן צימער, מ׳זוכט אַלץ און מ׳פֿירט אַרויס די מענטשן פֿון די הייזער, מ׳פּאַקעוועט זיי אין אויטאָס און מ׳פֿירט זיי אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן. מ׳זוכט די טעראָריסטן (לויט דעם אָפֿיציעלן נוסח) און מ׳האָלט געשפּאַרט אַ גרויסע שטאָט און דער עולם הונגערט און זיצט פֿאַרשפּאַרט אַפֿילו אָן מעדיצינישער הילף. אין דעם מאָמענט איז אַריין אין... אַ גרויסע באַוואָפֿנטע מחנה ענגלישע מיליטער. אַחוץ די אויטאָמאָטן איז יעדער באַזאָרגט מיט אַ פֿעסטן הילצערנעם שטעקן אין האַנט און מ׳טרייבט אַלעמען אַריין אין די צימערן און מען סאָרטירט. די אינוואַלידן לאָזט מען זיצן, דאָס זעלבע די אַלטע לייט, שוואַנגערע פֿרויען און קינדערלעך. די איבעריקע טרייבט מען אַרויס אויפֿן הויף און מ׳גיט זיי איבער צו אַ צווייטער באַוואָפֿנטער גרופּע. מ׳פֿירט זיי צו צום טויער און דאָרט זיינען שוין צוגעגרייט אויטאָס, אויף וועלכע מען פּאַקעוועט זיי אָן און מ׳פֿירט זיי אין די קאָמיסאַריאַטן צום אויספֿאָרשן און פֿעסטשטעלן זייער פּערזענלעכקייט.

. . . ניט וויכטיק זיינען די רעזולטאַטן פֿון דעם עוצר מיט אַלע חפּושים, און ס׳איז אויך ניט וויכטיק די אָפֿיציעלע צביעותדיקע דערקלערונגען פֿון דער רעגירונג, אַז זי זוכט בלויז די גרופּע טעראָריסטן. די אַלע אירע האַנדלונגען זיינען קלאָר; זי וויל באַליידיקן דעם ישוב, זי באַליידיקט אים און טרעפֿט אין ציל. די שיטה איז ניט אירע. דער היטלעריזם האָט אונז פֿריער אויך גייסטיק דערהרגעט — מאָראַליש צעטראָטן, כדי שפּעטער פֿירן ווי שעפּסן צו דער שחיטה“.

ג

ענגלאַנד וואָלט זיך זייער און זייער וועלן דערפֿירן דעם איד־מאַטעריאַל אין ארץ ישראל צו אַזאַ מאָראַלישער דעגענעראַציע, ער זאָל ווערן כצאן לטבח. דאָס איז געווען איר הנהגה מיט דעם ישוב די גאַנצע צייט, און דאָס איז דער זין פֿון איר פּאָליטיק מיט די אידן אין לויף פֿון גאַנצן יאָר תש״ו. ווערנדיק פֿאַר אונז קלאָר אַז 1) אַן ענגלענדער איז פֿריער פֿון אַלץ און איבער אַלץ אַן ענגלענדער צי ער איז אַ טאָרי צי אַ לייבאָריט און אַז 2) ענגלאַנד וויל, אין די אינטערעסן פֿון איר אימפּעריע, פּטור־ווערן פֿון איר ציוניסטישן הויקער ווייסן מיר, לכל הפּחות, צי מיר דאַרפֿן וויסן — אויב מיר האָבן כאָטש עטוואָס

געלערנט פון דעם איצט־אַוועקגייענדיקן יאָר תש״ו — אַז מהיום והלאה קענען מיר פון ענגלאַנד חוץ צרות, רשעות און פאַרראַט קיין זאַך לטובת אידן און הויפּטזאַכלעך, לטובת דעם ישוב ניט דערוואַרטן.

אין לויף פון דעם פאַרגאַנגענעם ביטערן יאָר האָבן מיר דערזען אַז ענגלאַנד וואָס איז אַנטשלאָסן אונז ענג צו מאַכן ביי זיך אין לאַנד פון ישראל און איז אַוודאי און אַוודאי אַנטשלאָסן ניט דורכצולאָזן מער קיין נייע אידן־קעמפּער דורך דעם ים התיכון. אָבער די 600 טויזנט אידן אין ארץ ישראל זיינען, הפּנים, מער אין וואָג און אין כוח ווי דער ציפער. אַלנפאַלס, זיי זיינען מער ווי די זעקס מיליאָן וואָס האָבן זיך געלאָזן אויסשעכטן. די „צאַבראַ״, די ארץ ישראלדיקע יוגנט אונזערע, רייסט זיך צום קאַמף פאַר דער „מולדת״. די אַלץ־אַנקומענדיקע און אַנקומענדיקע פּאַרטיזאַנען זיינען דורכגעגאַנגען די זיבן מאָל זיבן מדורי גהינום און קיין זאַך וועט זיי ניט אָפּהאַלטן פון געבן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא אין דער געהעריקער צייט. און ניט נאָר די וואָס זיינען שוין אין ארץ ישראל זיינען גבורים, נאָר אויך די וואָס רייסן זיך צו דעם אידישן היימלאַנד זיינען פון אַן אויסערגעוויינלעכן גבורים־מאַטעריאַל. די קינפּטיקע דיכטער, די אידישע, וועלן האָבן מער דיסטאַנץ ווי די פון איצטיקן דור צו קענען באַזינגען די גייסטיקע גבורה פון יעדן איינעם פון דער שארית הפּליטה וואָס ברעכט זיך, מיט הוילע הענט, אַ וועג צו זיך, צום פאָלק און צום לאַנד. די קלאַסישע הערשערין פון די ימען האָט איר גאַנצע פלאָטע אַוועקגעשטעלט צו היטן דעם אַריינ־ פאַר פון אַ ליאַדע אידן קיין ארץ ישראל — אָבער דער אייביקער איד מאַכט חוזק פון דער מעכטיקסטער פלאָטע און קומט אָן, פּונקט אין צייט, קיין ארץ ישראל מיטן בלויזן וואַנדערשטאַק. קורץ און גוט: דער ישוב אין ארץ ישראל און די היימלאָזע אויף אַלע וועגן און שליאַכן פון איראָפּע פיבערן מיט מלחמה־גרייטקייט קעגן ענגלאַנד. און די אידן אין אַמעריקע שטייען אויך שוין גאָר נאָענט ביים שוועל פון פּאַ־ ליטישער רייפונג. אָט די דריי הויפּט־כוחות פון אידנטום דאַרפן דאָס אַרויסרייסן דאָס געגזלטע לאַנד פון אַן ערשט־ראַנגיקער פּיראַטן־ מאַכט.

גליקלעכערוויז, זיינען מיר, נאָך אַלעמען, ניט אַליין אין קאַמף.

קעגן דער בריטישער אַליאַנץ מיט די אַראַבישע עפענדים, מלכים און פּרינצן מוזן מיר קריגן אַלץ מער און אַלץ גרעסערן אָנשפּאַר אויף די אַראַבישע מאַסן וואָס ווערן מאַוימדיק עקספּלואַטירט פון די פעאָ־ דאַלע הערשער.

קעגן דער בריטישער עקשנות פון האַלטן דאָס לאַנד אין עקאָנאָ־ מישער צוריקגעשטאַנענקייט, אַז שום סימן פון אינדוסטריעלן פּראָ־ גרעס, שטעלן מיר אַרויס דעם אַגרעסיוון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל וואָס רייסט זיך צו נייע האַריזאָנטן, צו נייע אינוועסטירונגען, כדי הויבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון דער באַפעלקערונג און דערמיט וויטער אויסברייטערן דעם דאַרטיקן מאַרק פאַר די שפּעפולע אַמעריקאַנער סחורות און פּראָדוקטן.

קעגן די בריטישע אימפּעריאַליסטישע סופּער־אַפּעטיטן אין מיי־ טעלן מזרח קענען מיר אויך בויען אויף דער הילף פון פראַנקרייך און פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צוויי גרויסע מדינות וועמען עס איז שוין לאַנג ניט צום האַרצן (און ניט צום קעשענע) די אינטריגעס פון דעם בריטישן „פאָרעין אָפיס״.

אַט־די אַלע קאַמפן, די אידישע מיט ענגלאַנד אויפן ים און אויף דער יבשה, מיטן שווערד און מיטן מויל זיינען, אין משך פון יאָר תש״ו, געווען עטאַפּן געזונטע אין דער אויסרייפונג פון אַ פאָלק אויפן וועג צו זיך אַהיים.

ד

מיר האָבן פריער, אגב־אורחאדיג, גערעדט פון די אַמעריקאַנער אידן וועלכע „שטייען אויך שוין גאָר נאָענט ביים שוועל פון פּאָליטישער רייפונג.״ דער אַמעריקאַנער אידישער קאָלעקטיוו שטעלט מיט זיך פאָר, ווי אויבן אָנגעוויזן, איינעם פון די דריי הויפּט־שותפים ביים אויפשטעל פון דער אידישער מלוכה. אויף וויפיל אַט־דער קאָלעקטיוו טראָגט צו פאַנדן אין מלוכה־פאַרנעם — אויף אַזוי פיל איז ער, מער־ווייניקער, דערוואַקסן צו אַ טייל פון זיין שליחות. מיט פאַנדן אַליין קען זיך, אָבער, זיין קהלשע אחריות ניט אויסשעפּן און זיין היסטאָרישע שליחות ווייט־ווייט קען ניט, טאָר ניט ווערן מיט דעם אַליין דערפילט.

אויב גרויסע פעלקער אָפּערירן מיט דעם פּאָליטישן אינסטרומענט אין קאַמף פאַר זייער קיום און פאַר דער אויסברייטערונג פון זייער „לעבנס־רוים״ קענען מיר ניט, ט אָ ר ן מ י ר נ י ט אַנדערש זיין פון כל העמים און זאָגן אַז מיר וועלן אונזערס אויספעכטן מיט דעם כוח פון תפילה און תחנונים.

פונקט מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר וועגן דעם קאָמענטירט:

„און אין די איצטיגע טראַדיציאָנעלע תשובה־טעג אונזערע, וועלכע זיינען אויך היי־יאָר די טעג פון אַל־פעלקערלאַכער רעכענונג, וואָלטן מיר שוין, אינאייינוועגס, אויף די פליגלען פון דעם ווינט, אַרויפגעלייגט באַזונדערע תשובה־ווייען פאַר כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט פאַר זייערע הארבע זינד לגבי די קינדער פון פאָלק ישראל.

„ווייל די זינד זעט ניט אויס צו האָבן אויסגעשעפּט איר כוח. צו דער אויסשלאַכטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק; פון דער טאָטאַלער אויסוואָרצלונג פון דעם קוואַליגן אידישן קולטור־לעבן אין אַלע זיינע פאַזן און מאַניפעסטאַציעס; פון דעם בוכשטעבלאכן אויסראָט און צעפּלינדער פון אַל־אידישן און יחידיש־אידישן פאַרמעג אין גאַנץ אייראָפּע כמעט — וועגן דעם אַלעם הערט מען קיין וואָרט ניט אויף די שטייפע און סטאַטעטשנע אסיפות. דאָ און דאָרט גיט ווער אַ שטאַמל אַרויס אַ וואָרט אויף אונזער אַדרעס, נאָר צו נחת קומט עס ניט. אפילו דעם קול פון אונזער אייגענעם פּרעזידענט דערקענען מיר ניט ווי נאָר ער הויבט אָן ציילן און ציילן די ווערטער אויף אונזער אַדרעס. וויפיל מאָל האָט מען דאָס שוין געשוואָרן עוויגע טרייהייט צו די „היברוס״ און צו זייער „האָמלענד״; שוין אַפילו אויסגעלערנט זיך די נייע ציוניסטישע פאָרמולירונג פון „קאָמאָנוועלט״; און כמעט אַלע קאָנגרעסלייט און כמעט אַלע סענאַטאָרן פון לאַנד אַמעריקע שרייבן זיך שוין צום וויפלטן און וויפלטן מאָל אונטער אויף די פייערלאַכע דעקלאַראַציעס — נאָר צו קיין נחת קומט עס ניט.

„זאָל דאָס מעגלאַך זיין, קען דאָס באַגרייפלאַך זיין אַז אויך דאָס מאָל זאָלן עכטע תשובה־ווינטן ניט אַ צופּ־טאָן זייער האַרץ און זיי זאָלן ענדלאַך, זיך אויך ניט אַרומקוקן, מיט זייערע קריסטלאַכע

רחמנות־אויגן, אויף דער בידנער געררודפ'טער און פון זייערע אייגענע אַל־קאָלירטע קריסטן־העגט געיאָגטער, אויסגעשעפּטער און צעפּיי־ניגטער אידישער אומה?"

וואָס האָבן מיר אין משך פון אָט־דעם יאָר געזען? די עכטע תשובה־ווינטן האָבן ניט געצופּט זייער האַרץ און אונזער מערכה איז אויף אַ האָר ניט געלינדערט געוואָרן מיט דער הילף פון די „קריסטלאכע רחמנות־אויגן"...

כדי די ניט־אידישע וועלט אין אַמעריקע זאָל זיך מיט אונז נעמען רעכענען און רעספּעקטירן און אירע צוזאָגן האַלטן מוזן מיר גלייך, הײ־יאָר, ערב דעם פּאָליטישן יום הדין אין אַמעריקע זאָגן אונזער וואָרט און אַזוי אים זאָגן, אַז ער זאָל געבן דעם געהעריגן אָפּהילך ניט נאָר אין וואַשינגטאָן, נאָר אויך אין לאָנדאָן און אין אַנדערע הויפּט־שטעט פון דער וועלט.

מיר מוזן אונזער אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס צוזאַמען מיט אונ־זערע באַרעכטיקטע עבירות אין תשליך־וואַסער אַריינוואַרפן, און זיך אויסלערנען קוקן יעדן איינעם אין די אויגן אַריין. איבערהויפּט אין אַמעריקע. ס'איז אונזער לאַנד, און מיר, אידן, האָבן, פּראָפּאָרציאָנעל, מער ווי אַנדערע פעלקערשאַפטן, מיט אונזער מי, לאָיאַליטעט, גייסט, זשעני און דערפינדערישקייט געהאָלפן עס אויפצובויען ווי די מעכטיגסטע מדינה אין דער וועלט. זיינען מיר שטאָלץ אויף אונזערע דערגרייכונגען דאָ אין לאַנד און מיר וועלן אונזערס ווייטער צוטראָגן.

מיר טאָרן זיך, אָבער, ניט לאָזן צו־לייכט געגומען צו ווערן. יאָר־איין און יאָר־אויס האָט מען אונז געשפּייזט מיט הבטחות — פייערלאַך־געגעבענע הבטחות ערב די וואַלן, און גלייך טאַקע נאָך די וואַלן זיינען די הבטחות פאַרגעסן געוואָרן און דער פייער האָט זיך אויסגעלאָשן.

הײ־יאָר, האָפן מיר, וועלן די אידן, אונטער דעם אָנפיר פון ציוניסטישע פּאָליטיקער, דאַרפן און וועלן געבן די אַדמיניסטראַ־ציע־לייט אין וואַשינגטאָן דעם מין ענטפער וועלכן זיי זאָלן אַזוי שנעל אים ניט פאַרגעסן. דער אופן פון געבן אַזאַ ענטפער האָבן, מיט גרויס עפעקט, געניצט פאַרשיידענע גרופּן אין אַמעריקע און אויך מיר, די אידישע גרופּע מוז און וועט אין נאָוועמבער אַזאַ ענטפער דערלאַנגען. ווען דאָס וואָרט פון היגן אידנטום וועט געזאָגט ווערן וועלן מיר דאַן — דאַן און ניט פריער — האָבן באַטראָטן דעם וועג צו אידישער מלוכה־שאַפט.

ה

דאָס וועלן איינקאַסירן די פּאָליטישע וועקסלען פון די וואַשינג־טאָנער מלוכה־לייט שעפּט נאָך ניט אויס אונזער פּאָליטישע אַקציע. מיר זיינען בירגער פון אַ גרויסער מדינה און מיר מוזן אָפּהיטן אָט־די גרויסע און רייכע און טייערע מדינה פון די כל'ערליי לויערנדיגע שונאים. ניט די קלענסטע פון אַמעריקעס שונאים איז גראָד די קאָ־קעטקע בריטאַניע. אַן אָנגעזעענער בירגער, הענרי וואָלאַס, האָט די טעג אונז אַלאַרמירט וועגן דער גרויסער געפאַר:

„נאַטירלעך געפעלן אונז די ענגלענדער אַלס אינדיווידועלע מענטשן. אָבער צו מאַכן ענגלאַנד אַלס דעם שליסל פון אונזער אויס־

לאַנדס־פּאָליסי וואָלט געווען, לויט מיין מיינונג, די העכסטע נאַריש־קייט. מיר טאָרען ניט דערלאָזן, אַז די רעאַקציאָנערע פירער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי זאָלן אונז אַריינשטעלן אין אָט דער פּאָזיציע. מיר טאָר ניט דערלאָזן די ענגלישע באַלאַנס־פון־מאַכט מאַניפּולאַציעס צו באַשטימען, צי די פאַראייניגטע שטאַטן זאָל אַריין אין דער מלחמה, און ווען זי זאָל אַריין אין אַ מלחמה."

מיר וועלן טאָן אַן אומאָפּשעצבאַרע דינסט צו יונג־אַמעריקע ווען מיר וועלן צעטראָגן אויף טעלערלאַך וואַלאַס'עס רייד וועגן דער גע־מיינער ענגלישער קאָנספּיראַציע וואָס וויל אונז אַריינשליידערן אין אַ מלחמה מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד כדי זי זאָל קענען בלייבן די יורש'טע איבער די פאַרבליבענע האַלעוועשקעס פון אונזער גלאָבאַ־לער ציוויליזאַציע — אויב ד אָ ס אפילו זאָל בלייבן.

ו

„אין לויף פון דעם לעצטן יאָר אָדער מער — האָט וואַלאַס אין זיין וועלט־אויפרודערנדיגער רעדע געזאָגט — איז די באַדייטונג פון פרידן שרעקלעך פאַרגרעסערט געוואָרן צוליב דער אַטאָמישער באָמבע, טאָרפּידאָס, וואָס לאָזן זיך קאָנטראָלירן, און די עראָפּלאַנען, וואָס וועלן באַלד פליען מיט דער שנעלקייט פון קלאַנג. און מאַכט נאָר ניט קיין טעות, — די קומענדע מלחמה וועט טרעפן די פאַר־אייניגטע שטאַטן אַ סך מאָל שטאַרקער ווי די לעצטע מלחמה. מיר טאָרן זיך ניט איינרעדן, אַז ווייל מיר האָבן דערפונדן די אַטאָמישע באָמבע, מעגן מיר זיין רואיג; און אַז אָט־דער מיטל פון פאַרניכטונג וועט טאָן די אַרבעט פאַר אונז. דער וואָס לייגט זיינע האָפענונגען אויף דער אַטאָמישער באָמבע וועט אַליין אומקומען פון אַן אַטאָמי־שער באָמבע, — אָדער פון עטוואָס ערגערס."

אויף אונזער באַשיידענעם אופן האָבן מיר אַן ענלאַכע וואָרנונג געגעבן ערב דעם אידישן יום־הדין:

„ווי עס אידלט זיך — אַזוי קריסטלט זיך. ניט נאָר שטייט דאָס אידישע פאָלק אויף דעם שיידוועג, נאָר אויך די גרויסע ניט־אידישע וועלט דאַרף איצט וויילן צווישן דעם וועג פון גוטס און לעבן און דעם וועג פון שלעכטס און — אונטערגאַנג.

„דאָס וואָס די מענטשהייט האָט זיך, אין איר טעמפּקייט און נאַרישקייט, אַנטזאָגט אין משך פון טויזנטער יאָרן צו פאַרשטיין און אויספאָלגן די איינפאַכע גרויסע און מענטש־היילנדיגע רייד פון ישעיה וועגן אומבייטן דעם שווערד אויף אַן אַקעראייזן — וועט זי זיך איצט מוזן צוהערן צו די געבאָטן פון ישעיה'ס אַן אור־אייניקל — צו די רייד פון דעם נע'ונד'ניק אַלבערט איינשטיין.

„אויפן באַדן פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע און מיט דער הילף פון די ליזא מייטנערס און די אָפּענהיימערס און אַלע אַנ־דערע אידישע און ניט־אידישע איינשטייניש תלמידים האָט מען זיך דערגרונטעוועט צו בוכשטעבלאַכער געטלאַכער קראַפט אין האַנט פון דעם מענטשן. וועט דער מענטש גאָט אין האַרצן האָבן קען ער מיט דער התגלות פון אָט־דער געטלאַכער קראַפט נייע וועלטן און נייע הימלען באַשאַפן. דער גן־עדן טרוימעריי פון די היימישע חדרים קען אַראָפּנידערן צו אַלעמען, אַלעמען אונטער גאָט'ס זון. וועט זיך, אָבער, חלילה, דער טייוול אַריינכאַפּן אין האַרץ פון דעם מענטשן — דאַן וועט דער מענטש אין זיין טייוולאַנישן שפּיל אומברענגען זיך און די וועלט — מיט זיך"...

אײדער, אָבער, די הויפּט־אָנטרײַבער פון דער מאַכט־פּאָליטיק װעט געלינגען אָרײַנצושלײדערן די גאַנצע מענטשהײט אין כּף הקלע פון טאָטאַלן אומקום שטײט דאָס אידישע פאָלק אין גראַנדיעזן פאַר־מעסט מיט אײנער פון אָט־די מאַכט־מלוכות, מיט דער נאָך־אַלץ מעכ־טיקער ענגלאַנד. דערװײַל זײַנען מיר אַ קלײנע קאָלאָניע אונטער דעם בריטישן מאַנדאַט. אָבער די קלוגע געשיכטע לערנט אונז אַז ענגלאַנד האָט קײנמאָל ניט געװאונען אין קאַמף מיט אירע קאָלאָניעס. זי האָט פאַרלאָרן איר קאַמף מיט „אירע" קאָלאָניעס אין אַמעריקע; זי האָט פאַרלאָרן איר קאַמף מיט די בורן אין דרום־אַפריקע; זי האָט פאַרלאָרן איר הונדערט יאָריקן קאַמף מיט די אירלענדער. די קלאַסישע רױ־בערײַן פון די ימען קען ניט אָנװײַזן אויף אײן אײנצלנעם געװאונענעם קאַמף מיט װעלכער עס איז פון אירע קאָלאָניעס.

דאָס אידישע פאָלק, װאָס איז אין משך פון די לעצטע 12—13 יאָר דורכגעגאַנגען אַלערלײ מעגלעכע און אוממעגלעכע און אומבאַ־גרײַפלעכע חבוטי הקבר און איז שוין געשטאַנען בײַם סאַמע תהום פון אירע צרות — אַזאַ פאָלק קען זיך שוין פאַר קײן שום זאַך ניט אָפּשרעקן און פאַר קײן שום פײַנט ניט אָפּשטעלן. מיר זײַנען אַ פאָלק, כּידוע, אָן שום שײַכות און אָן שום טראַדיציע מיט שיפן־פאַרקער. אָבער קעגן אַלע „דעסטראָיערס" און קעגן אַלע שלאַכטשיפן װאָס ענגלאַנד האָט אויף אַלע ימען פאַרזײַט קעגן אונז שנײַדן אונזערע נעאָ־מאַקאַ־בײַער דורך אַלע װאַסערן און קומען אָן אין אידישן הײמלאַנד.

און די ענגלאַנד װאָס קען דערװײַל, דורך דער נאַכט, מאַכן אַן איבערפאַל אויף תּל אביב צי אויף ירושלים און נעמען אין געפענ־געניש אידישע פּאָליטישע טוער — די זעלבע ענגלאַנד קען זיך ניט אײַנבעטן בײַ קײן אײן־אײנציקער אידישער גרופּע צו זיצן מיט איר בײַ אײן טיש טאַקע װעגן דער פראַגע־פון־פראַגעס — װעגן דעם אי־דישן שטאַט אין ארץ ישראל.

דער סוף פון תש"ו געפינט אונז פון אײן זײַט צעבײלט און צע־קלעמט און צעװאונדיגט װי נאָך קײנמאָל פריער ניט אין אונזער גע־שיכטע, און פון דער צװײטער זײַט זײַנען מיר נאָך קײנמאָל ניט אין אונזער לעצטן גלות געװען אַזוי מיט מוט באַגאַרטלט און אַנטשלאָסן צו דערװערבן אונזער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקײט.

דאָס אידישע פאָלק איז איצט ערב דעם אויפשײַן פון אידישן שטערן.

ניט שרײַבן — נאָר שלײַפן

א.

צו יעדן אײנעם פון מײַן פאָלק,
אין לײד געלײטערטן, איך רוף:
ס'הילכט סיגנאַל פון דײַן געפאַר —
עס פלאַקערט באַלד דײַן סאַמע גוף.

ס,איז ניט די צייט פון סתם געשרייב איצט, —
דאָס וואָרט דעם שווערד זאָל נעמען שלייפן;
ס,האָט שונא שענדלאך אונז באַטריגט,
זאָל פייל נאָך פייל אים נעמען גרייפן.

מיר שליסן שטילשטאַנד מיט לבנה,
מיר פּאַקן איין די שיינע רייד;
מיר נעמען זעלנעריש זיך גרייטן —
עס רייסט דער שווערד זיך פון זיין שייד.

ב.

די וואונדער אויף וואונדער פון ישוב
איז מער נאָך פון טויזנט-איין-נאַכט;
קיין מייסטער פון זיבענער קונסטן
האָט אַזוינס נאָך ניט אויסגעטראַכט.

בלייכע יונגען פון ישיבות,
אָן שום חכמה אין דער האַנט,
געקומען בויען אַ מלוכה —
אויפלעב-טרוימער פון וויסט לאַנד.

איז געפאַלן דאָ ווער פון מאַלאַריע,
און ווער פון אַראַבישער קויל, —
האָבן נייע פאַרנומען דעם משמר
און ווייטער געשפּונען דעם קנויל.

האָט איינער געגראָבן דעם גליל,
אין ראַנגל פון פינגער מיט שטיין;
האָט צווייטער געוואַשן די זעמדלעך —
די זאַלציגע זאַמדן פון סדום.

און אַזוי האָט צעגרינט זיך דער מדבר,
און וויסטלאַנד פאַרגאַן איז אין בלי:
דער וואונדער פון מענטשנס יצירה
און סוד פון „בדמייך חיי!"

ג.

נאָר אויסער דעם באַרגשטיין און וויסטע,
און חוץ דעם געוואַי פון שאַקאַלן
האָט ארץ אַן אָנשפּאַר אויף ים'ען
און ים-מאַכט איז דעם ישוב באַפאַלן.

באפאלן מיט בריטישער גוטסקייט,
אונז בויען א שטאט איז זי גרייט;
נאר גלייך, מיט פיראטישער פלינקייט,
פארוועבט פאר אונז נעצן פון טויט.

א רויבערין־מאכט פון קדמונים,
געזונקען אין זינד ביזן תהום —
האט גענומען אין רויב־שפיל סעמיטן:
אונז טרינקען אין בלוט פון פאגראם.

נאר איד איז בטבע א בויער,
ער צילט ניט מיט פייל פון א קריגער;
האט בטחון אין גאט און אין מענטשן —
אין מענטשן מאסקירט און באטריגער.

און אזוי האט די ים־מאכט מיט גוטסקייט
אונז געצערטלט מיט ביקס און מיט קנוט;
געוואלט אונז מיט ליבע צעדריקן,
דערטרינקען אין ירדן פון בלוט.

און נאך די ספאראדישע שלאכטן —
א מבול פון „ווייסע" פאפירן
פון טשעמבערליין־צדיק און פאספילד,
חרטומים־שריפט, ניט צום שיפרירן.

ווערט אנגעשפיזט אידישער אויער:
ס'הילכט „מה מליל" דורך דער נאכט;
און ס'ענטפערט פון בערג אונז דער עכא:
ישראל האט איצט ערשט דערוואכט!

ד.

פון בילו־יאר און ביז תש"ו
שווינגט דעקאדע נאך דעקאדע;
ענגלאנדס מאכט שטייט שארף אין קאן, —
דער ישוב שיקט איר זיין בריגאדע.

און דזשאן בול געדענקט לאנג א טובה:
ער פארשרייבט עס אין בוך פון געזעץ;
ער פארשטייפט פאר די אידן דעם טויער
און ווייזט זיי א צונג פון א לץ.

און פּלוצלונג דערזעט מען קלאָון־ענגלאַנד,
איר וואָרט־בוי — מאַריאָנעטישע ווענט;
מען זעט שוין, ניטאָ וועם צו טרויען —
נאָר מיט אייגענע אידישע הענט!

און די נעכטיקע אינגלאך, די בלייכע,
די נעבעכלאך, תמימים און שוואַכע
ווערן איינער אין איינעם גבורים —
מיט פנימער אָפענע, וואַכע.

דעם שמשון־שפּרוך קען דאָ איעדער —
קיין מורא פאַר חיה'שן רעווען;
מיר פאַרניכטן מיט שמייכל דעם צורר —
כן יאבדו אויך עטלי און בעווין

ה.

איבער רואיגן, פרידלאכן ישוב
קנאַקט עראָפּלאַנישער גראַגער;
הילכט אומעטום אָפּ דער גראַגער —
ווערט פרידן אין אידישן לאַגער.

טאָ געטרייסט זיי, מיין אידיש פאָלק,
דיין קראַפט איז ווייט ניט וויינינק;
פיין האָט דיך אין שטאָל געשמידט,
דער פיינט האָט דיך פאַראייניקט.

און אין אַלע לענדער פון דער וועלט
טראָגן מיר די פאָן פון ישוב;
זיין שיקזאַל באַגורלט אונז —
זיין וואָרט באַלעבט אונז ווי אַ כישוף.

און ווען דער שונא פאַרכאַפּט וואו אַ ביקס
אין תל אביב צי אין משק יאגור —
מיט רוף פון „ה' איש מלחמה"
הויפּט זיך נייער געווער אין דעם לאַגער.

און אין הייליגן קריג קומט יעדער אריין —
און אויך די געבענטשטע היסטעריקע;
מיר רופן צום שארית־געוויסן פון וועלט,
און שפּאַרן זיך אָן אויף אַמעריקע.

ס'איז דער שונא אַן אָפּענער פּיראַט —
ער ווייסט גאָר דעם זין נישט פון שאַנדע;
פון מיליאָנען עדות רופן מיר צוויי:
דע וואַלעראַ און מאַהאַטמאַ גאַנדי.

און עדות רופן מיר די זעקס מיליאָן
ביים שלאָגן פון אידישן דעמער;
קיין מאַכט וועט ניט פירן אונז מערער אין שלאַכט
אַזוי ווי צעשראָקענע לעמער.

עס בליען אויך אויף אין אונזער זכרון
די קדושים פון פּאַטריאַ און סטורמע;
אויך זיי וועלן גיין אין מאַרש פון דעם קאַמף
ביים אויפשטעל פון אידישער אומה.

און מיטגיין וועט יעטווידער איינער,
פון פּיאָנערישן שטומען און קרומען —
פון אַ ליאַדע פוצער-יונג פון שיך
און ביז דעם פּרעזידענט טרומען.

ז.

צו יעדן איינעם פון מיין פאָלק,
אין לייד געליטערטן, איך רוף:
ס'הילכט סיגנאַל פון דיין געפאַר —
עס פלאַקערט באַלד דיין סאַמע גוף.

ס,איז ניט די צייט פון סתם געשרייב איצט, —
דאָס וואָרט דעם שווערד זאָל נעמען שלייפן;
ס,האָט שונא שענדלאַך אונז באַטריגט,
זאָל פייל נאָך פייל אים נעמען גרייפן.

מיר שליסן שטילשטאַנד מיט לבנה,
מיר פּאַקן איין די שיינע רייד;
מיר נעמען זעלנעריש זיך גרייטן —
עס רייסט דער שווערד זיך פון זיין שייד.

* * *

איך שווער און באַשווער יעדן איינעם
אין נאָמען פון איינציקן גאָט —
אַז ווען „הגנה" זאָל נאָר רופן
שטעלט זיך אין זעלנערשן טראַט.